גליון

# באור החיים

יוצא לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת פנחס - תשפ"ה לפ"ק | גליון תת"מ

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ג רבי **חיים לייב כהנא** שליט"א
לע"נ אביו הרה"צ רבי **מרדכי צבי** בן רבי **יוסף מאיר** זצ"ל בעל גדולת מרדכי
יארצייט חל ביום **כ"ד תמוז - א' מטו"מ** הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג **יואל ראזענבערגער** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן מנחם שלמה ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### יראה בלי אהבה אינו שלמות ואהבה בלי יראה אינו כלום

**השיב את חמתי.**

כאשר הדור פרוץ באיזה מדה לא די בזה שהמנהיג או המורה דרך יקנא קנאת ה' לחוד, ולמחות בעון הדור, אלא מוטל עליו חובה לקנא גם קנאת ישראל, להמליץ בעדם לפני המקום, ולקרב אותם באהבה עד שישובו אליו, וכן לא טוב בזה לבד, שימליץ טוב על בני ישראל ויתנהג עמהם באהבה, ומפני כך יכסה את פשעיהם ולא ימחה בעוונותיהם, אלא צריך להתנהג עמהם גם במדת היראה, להוכיחם על מעשיהם, ותבער בקרבו אש קודש למחות על כבוד ה', כי אי אפשר להנהיג ישראל באהבה לחוד, כמו שאמרו צדיקים "כי יראה בלי אהבה איננה שלימות ואהבה בלי יראה איננה כלום", אלא צריכין להשתמש בשתי המדות.

ומפני טעות זה היה בכוחו של בלעם להכשיל בני ישראל בזנות, כי היה להם רק אהבה, עד שבא פינחס ולימד כי אהבה כזו אינה אהבה, אלא בעת כזאת צריכין להתאזר במדת הגבורה, לקנא קנאת ה' ולמחות בעוברי עבירה, וזה שאמר הכתוב "השיב את חמתי", ופירשו בספרים, דלא נאמר הסיר אלא השיב, כי השיב את חמתי פירושו, שהפך תיבה "חימה" לתיבת "חומה", להחליף היו"ד בוי"ו, והיינו שלימד אותנו פנחס, שצריכין להעמיד חומה בצורה לגדור גדר ולעמוד בפרץ, לפרוש מעוברי עבירה, היפך ממדת אהבה, ובזה השיב את החימה והקצף מעל בני ישראל.

ועל זה אמר לו הקב"ה, הנני נותן לו את בריתי שלום, תיבת "שלום" נכתבה בוי"ו קטיעה, כי ענין וי"ו קטיעה, היינו יו"ד שנעשה וי"ו, רומז על עבודתו של פינחס, שהפך אות יו"ד שבתיבת חימה לאות וי"ו ונעשה תיבת חומה.

(פתג"ק פינחס)

### יהושע קיבל כל כוחו ממשה רבינו

**קח לך את יהושע בן נון וגו' וסמכת את ידך עליו והעמדת אותו לפני אלעזר הכהן ולפני העדה וגו' ונתת מהודך עליו וגו'.**

הענין מה שצוה הקב"ה למשה להסמיך את יהושע, היה כדי להשפיע ולהאיר עליו מכחו, שבכח זה יוכל להנהיג את ישראל על דרך הישר, ואכן בכח זה זכו בני ישראל להתחזק כל ימי יהושע שלא לסור מאחרי ה', וכמובא ברש"י הק' בסוף פרשה זו וז"ל "כל ימות יהושע לא השחיתו, שנאמר ויעבוד ישראל את ה' כל ימי יהושע, מכאן שתלמידו של אדם חביב עליו כגופו, כל זמן שיהושע חי היה נראה למשה כאילו הוא חי" ע"כ, והיינו מפני שכחו של משה שהשריש והאיר ביהושע חי וקים כל זמן שיהושע חי, וכן מאיר אורו וכחו לעולם.

ובזה יבואר מה שאמרו חז"ל (ב"ב עה.) פני משה כפני החמה ופני יהושע כפני לבנה, היינו כמו שהלבנה אין לה אור מעצמה, אלא מה שמקבלת מן השמש, ובזה היא מאירה את הלילה, כמו כן כל כחו של יהושע היה רק מה שקיבל ממשה רבינו, ובכח זה הנהיג את בני ישראל.

ועל פי זה יובן מה שאמרו חז"ל (אבות א' א') משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ודקדקו המפרשים על שינוי הלשון, שהתחיל בלשון קבלה, משה קיבל תורה מסיני, וסיים בלשון מסירה, ומסרה ליהושע, והיל"ל ויהושע קיבלה ממשה, אלא התנאי בא ללמד בזה כי כל כחו של יהושע היה, מה שמשה מסר לו את כח קדושתו והסמיכו להנהיג את ישראל.

(דב"ק וילך)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**למנצח לעבד ה' לדוד, דוד האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער איז זוכה צו זיין א עבד ה'.**

(שיח"ק ח"ב שפ"ט)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שמואל מאיר האס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## די חילוק פון הנני נותן לו את בריתי שלום, און והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום, והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם.

זענען די מפרשים מדייק פארוואס די פסוק זאגט הנני נותן לו את בריתי שלום, און נאכדעם זאגט די פסוק והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, עס איז משמע פון דעם אז דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אהרן צוויי עקסטערע מתנות, ברית שלום, און ברית כהונה, אויך איז שווער אז קודם שטייט נאר הנני נותן לו, און נאכדעם שטייט לו, ולזרעו אחריו.

קען מען דאס מבאר זיין לויט ווי חז"ל זאגן (אבות ד' ב') שכר מצוה מצוה ושכר עבירה עבירה, זענען די מפרשים מפרש, אז ווען א מענטש איז זיך מוסר נפש צו מקיים זיין א מצוה איז ער מקבל א כח מיוחד און א סייעתא דשמיא, אז ער זאל קענען שטענדיג מקיים זיין די מצוה, ווייל פון די מעשה המצוה ווערט באשאפן א מלאך קדוש, וואס צוהט אים אלץ צו מקיים זיין די מצוה, און דאס מיינט שכר מצוה מצוה, אז די שכר וואס ער איז מקבל פאר'ן מקיים זיין די מצוה איז אז ער זאל אייביג קענען מקיים זיין די מצוה, און אזוי אויך איז שכר עבירה עבירה, אז ווען א מענטש איז עובר אויף אן עבירה, ווערט באשאפן א מלאך רע, וואס דאס איז א כח הקליפה וואס צוהט אים אלץ צו טון די עבירה, ביז ער טוט תשובה און ער הרג'ט דעם כח הקליפה.

פארדעם ווען פנחס האט זיך מוסר נפש געווען און מקנא געווען קנאת ה', צו מכניע זיין דעם כח הקליפה פונעם פגם הברית, וואס אידישע קינדער זענען דעמאלטס געווען נפרץ אין דעם, האט ער דעמאלטס מקבל געווען א שכר, אז ער זאל אלץ קענען מקנא זיין קנאת ה' ביי דעם מדה, וואס דאס איז דורך דעם וואס ער איז געווארן דעמאלטס די מלאך הברית, אזוי ווי עס איז מבואר אין תרגום יונתן, און מען האט אים געגעבן רשות צו קומען צו יעדן ברית, און אריינברענגען אינעם רך הנימול א ניצוץ קדוש פון אים, וואס דער ניצוץ גיבט אים די כח זיך צו פירן בקדושה כל ימי חייו.

און דאס איז מרומז אין די כפל הלשון אינעם פסוק, ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם, "לדור ודור" גייט ארויף אויף דעם וואס ער האט באקומען מתנות כהונה, וואס אויף דעם איז שייך די לשון לדור ודור, ווייל די כהונה ווערט נמשך מדור לדור, און דאס וואס דער פסוק זאגט "עד עולם", איז מרומז אויף די אנדערע מתנה וואס ער האט אליין באקומען, אז ער וועט זוכה זיין צו ממשיך זיין מיט זיין עבודה, צו היטן אידישע קינדער פונעם פגם הברית, דורך די ניצוץ וואס ער לייגט אריין אינעם קינד בשעת'ן ברית.

און מיט דעם וועט מען פארשטיין אויך די פסוק אנהייב פרשה, אז דאס וואס דער פסוק זאגט הנני נותן לו את "בריתי" שלום, איז מרומז אויף די מתנה וואס ער אליין האט באקומען, צו זיין די מלאך הברית, און פארדעם שטייט דארטן הנני נותן "לו", און עס שטייט נישט לו ולזרעו אחריו, איז דאס וואס דער פסוק זאגט נאכדעם והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, גייט ארויף אויף די אנדערע מתנה וואס דאס איז די מתנת הכהונה, וואס איז נמשך געווארן לו ולזרעו אחריו, מדור לדור.


בס"ד
מזל טוב!!
מיט א אומבאגרעניצטע שמחה און פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן **ברכת מזל טוב** פאר ידידינו החשוב
מו"ה
אביגדור דניאל הורוויץ
הי"ו
וועלכע שטייט
גרייט צו באדינען
תושבי קריתינו
די TAG קרית
טאהש אפיס
לרגל די גרויסע שמחה השורה בביתו
בהולדת בנו
למז"ט
ובשעטו"מ
פון טיפן הארצן טוען מיר אים וואונטשן, אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדערלעך געזינטערהייט און גרינגערהייט מיט הרחבת הדעת, און קענען ווייטער שטיין צו הילף פאר אלע תושבים נאך לאנגע געזונטע יארן!!!
ווי עס וואונטשן:
די גרייטע
מיטהעלפער און
מיטארבעטער
בשם אלע
תושבי הקריה
TAG
קרית טאהש
CONTEMPORARY CHALLENGES · ETERNAL VALUES

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **משה לייב וויינבערגער** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצחאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### בני גד למשפחתם לצפון וכו' לחגי וכו' לשוני.

עס איז דא דריי זאכן וואס בשעת מען גיבט צדקה פאר אן ארימאן דארף מען אויף דעם אכטונג געבן.

1: מען דארף געבן בסתר, כדי דער ארימאן זאל זיך נישט שעמען,

2: מען דארף געבן בשמחה פריילכערהייט, - אויף דעם האט דער הייליגער רבי ר' מענדל'ע מרימנוב זי"ע געזאגט אז ווען דעם מאכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון געבן צדקה, ווייל רוב מענטשן טוהן דאס נישט מיט שמחה,

3: מען דארף געבן אפילו הונדערט מאל, אפילו מען האט שוין געגעבן איינמאל דארף מען געבן נאכאמאל און נאכאמאל.

דאס לערנט אונז דא די תורה הקדושה, בני ג"ד ר"ת ג'ומל ד'לים, דאס מיינט ווען איינער גיבט צדקה, דארף עס זיין "לצפון" באהאלטן, "לחגי" א לשון פון חג א יום טוב - בשמחה, "לשוני" איז א לשון פון איבער חזר'ן, מען דערף געבן איינמאל און נאכאמאל.

(מאור ושמש)

### לאזני משפחת האזני.

אומר אני שזו משפחת אצבון ואיני יודע למה לא נקראת משפחתו על שמו. (רש"י הק')

מ'קען זאגן אז די צוויי נעמען "אזני און אצבון" האבן א שייכות.

אזני איז א לשון פון א אויער, און אצבון איז א לשון פון א פינגער, די גמרא זאגט (כתובות ה:) פארוואס זענען די פינגערס פון א מענטש שפיציג, כדי אז אויב א מענטש זאגט א זאך וואס מ'טאר נישט הערן, זאל מען זיך קענען פארשטאפן די אויערן מיט די שפיץ פינגער, פון דא זעהן מיר אז אצבע האט א שטארקער שייכות מיט אוזן, פארשטייט מען שוין פארוואס די תורה נוצט די נאמען אזני (אויער) אנשטאט אצבון (פינגער).

(של"ה הקדוש)

### ויקרב משה את משפטן אל ה'.

איז דאך שווער, משה רבינו האט דאך געזאגט פאר די אידן והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי, אז יעדע שווערע דין תורה זאל מען אים פרעגן און ער וועט דאס פסק'נען, אויב אזוי פארוואס האט משה רבינו דא געדארפט פרעגן פון אויבערשטן.

נאר, ווייל משה רבינו האט זיך געהאלטן זייער קליין, אזוי ווי עס שטייט "והאיש משה עניו מאוד", און ווען ער האט געהערט פון די בנות צלפחד די ווערטער והוא לא היה בעדת קרח, אז זיי ווילן אים זאגן אז זייער טאטע האט זיך נישט געקריגט מיט משה רבינו, כדי משה רבינו זאל פסק'ענען גוט פאר זיי, האט משה רבינו געטראכט אז אפשר איז עס דברי שוחד, און ער ווערט נישט קענען ריכטיג פסק'נען זייער שאלה. דעריבער האט ער געזאגט: ויקרב משה את משפטן אל ה', דער איבערשטער וועט דאס פסק'נען.

(ארץ החיים)

### יפקוד ה' אלוקי הרוחות וגו' אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רעה.

א געוועהנדליכע פאסטוך איז געטריי צו זיינע שעפעלעך נאר צוליב זיינע אינטערעסע, אבער אויב עס וועט זיך מאכן אז די שעפעלעך זאלן זיין אין א סכנה, וועט ער שנעל אוועקלויפן אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן. אבער משה רבינו דער געטרייער פאסטוך איז נישט אזוי געווען, אויב זיי זענען געווען אין א צרה איז ער נישט אנטלאפן נאר ער האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן פאר די יודישע שעפעלעך, כאטש אז ער שטעלט זיך אין א סכנה.

דאס זאגט משה רבינו צום אייבערשטן, יפקוד ה' אלוקי הרוחות וגו' אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, דאס מיינט איינער וואס זאל גיין און קומען "לפניהם" ער לויפט צו זיי און אן עת צרה, נישט אז ער לויפט אוועק פון זיי כדי אז עס זאל גארנישט פאסירן צו איהם.

(כתב סופר)

ישמחו השמים ותגל הארץ בעת כזאת אשר עת שמחה הגיע
ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל מצא אשה מצא טוב
קול צהלה ורנה שפתינו תרננה נברך ברכותינו מעומק לבבינו למעלות
בחור כהלכה אשרי שלו ככה זיכה רבים וזכה אהובי ידידי היקר
אהוב למעלה ונחמד למטה כתר שם טוב על ראשו עטרה מוכתר בכל מעלה ומדה נכונה
לך דומי' תהלה טוב ומיטב לזולתו בסבר פנים יפות בלב ונפש בעין טובה
יום ולילה מתמיד בתורה גאון בעבודה ומציון בגמילת חסדים באופן נפלא בשמחת החיים
מופלא ומופלג בתורה ויר"ש יראתו קודמת לחכמתו העושה ומעשה לטובת הכלל והפרט
לאו בכל יומא מתרחש האי איש חיל ורב פעלים לתורה ולתעודה בכל עת ועידן
כבוד שמים מרבה בכל תהליכותיו הכרת פניו ענתה בו רוב מעלותיו הלא הוא
הבחור החתן היקר
**כמר יעקב אלימלך קליין נ"י**
משב"ק אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בן מוה"ר **יקותיאל צבי קליין** הי"ו
לרגל שמחתו הגדולה השרוי במעונו בשמחת אירוסיו למז"ט ובשטומ"צ
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה שתחי' בת מוה"ר **חנוך דוד שלום וויינגארטן** הי"ו
מצלאין אנו להשי"ת יהא רעוא קדם אבינו שבשמים שתזכה לבנות בית נאמן בישראל בנין עדי עד זויגך יעלה יפה יפה ויהא קשר של קיימא וימלא ה' כל משאלות לבך לטובה ולברכה לכל טוב תזכה עושר ואושר חיים חן וחסד ילוה אותך כל ימי חיי לעולם טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך ותזכה לסייעתא דשמיא מרובה בכל אשר תפנה ותזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות לשמה ע"ד ישראל סבא במהרה ישמע בערי יהודה קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה בביאת גוא"צ ומלכנו בראשינו בב"א
המברך בלב ונפש באהבה רבה
ידידך דוד ברמ"י הערשקאוויטש

# הלכות זומער

## בדיקת תולעים (ג)

אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזהי"ת פארשידענע פרוכט און גרינצייג וואס מען עסט אין די טעג פון זומער, צי מען דארף חושש זיין אז זיי זענען ווערעמיג, און צו מען דארף זיי בודק זיין, און וויאזוי איז די וועג פון זייער בדיקה.

## זומער פרוכט

**שאלה:** די פרוכט וואס מען עסט אין די טעג פונעם זימער, ווי למשל אפריקאט - נעקטערין - פיטשעס - פלוימען - א.ד.ג., דארף מען בודק זיין פון ווערים?, און וויאזוי איז מען זיי בודק?

**תשובה:** די זימער פרוכט אויב ס'איז פון א גוטע קוואליטעט איז עס געווענדליך נישט ווערעמיג, און מען דארף זיי נישט בודק זיין פון ווערים, אויסער ווען מען זעט עפעס א ריעותא אין די פרוכט, למשל עס איז אביסל פארפוילט, אדער עס איז שטארק געצייטיגט, און עס איז זייער ווייך, אזוי אויך אויב עס האט א פלעק, אדער א לאך, דעמאלטס דארף מען דאס בודק זיין, דורך נאכגיין ביזן סוף פון די פלעק, אדער לאך, און דאס אוועקשניידן.

עס זענען דא מדקדקים וואס צוהאלבן יעדע פרוכט אין צווייען, און זיי נעמען ארויס די קערל און קוקן צי עס נישטא דארט א ווארים, און עס איז ראטזאם אזוי צו טאן.

**באמערקונג**

אויב מען טרעפט א ווארים אין א פרוכט, דארף מען נישט אוועק ווארפן די גאנצע פרוכט, עס איז גענוג אז מען שניידט אוועק די פלאץ פון די ווארים, און מען שווענקט גוט אפ די פרוכט.

## פיינעפל

**שאלה:** איז שייך א חשש פון ווערים אויף פיינעפל? און וויאזוי איז מען דאס בודק?

**תשובה:** עס איז כדאי מקדים צו זיין אז די עצם פרוכט פון די פיינעפל איז ריין פון

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

ווערים, אויסער אויב מען זעט א ריעותא, עס איז פארפוילט, אדער לעכעריג א.ד.ג., אבער אין די שאלאכטץ קען זיך טרעפן ווערים אויף דריי פלעצער, ווי פאלגענד:

1. עס קען זיך טרעפן ווערים אין די קרוין פון די פיינעפל, דאס איז ביי די גרויסע דיקע בלעטער, וואס זענען הענכער די פיינעפל.

2. אויך קען זיך טרעפן ווערים אויף די שאלאכטץ וואס נעמט ארום די פיינעפל פונדרויסן.

3. אויך קען זיך טרעפן ווערים אונטער די שאלאכטץ, נאנט צו די פיינעפל (ערקלערונג: אויף די שאלאכטץ זענען דא אזוי ווי פיר עקיגע קעסטלעך, און אין די קעסטלעך קען זיין ווערים).

דעריבער כדי מען זאל מעגן עסן פיינעפל, דארף מען אוועק שניידן די קרוין צוזאמען מיט א טייל פונעם פיינעפל, און אויך דארף מען אפשיילן די גאנצע שאלאכטץ פון ארום די פיינעפל, און מען דארף אכטונג געבן נישט איבער צו לאזן אפילו נאר אביסל פון די שאלאכטץ, אויך זאל מען נישט איבער לאזן די קליינע פלעקעלעך וואס בלייבן איבער נאכן שיילן.

נאכדעם וואס איז איינגאנצן אפגעשיילט זאל מען דאס גוט אפשווענקן אונטער א שטרום וואסער.

## עס איז כדאי מעורר צו זיין:

1. אז ווען מען שיילט אפ די שאלאכטץ, זאל מען נישט אראפלייגן די שאלאכטץ אויף א פלאץ וואס מ'לייגט דארט אנדערע מאכלים, ווייל די ווערים קענען אנקומען צו די אנדערע מאכלים.

2. עס זענען דא וואס דעקארירן א טאץ מיט געשניטענע פרוכט מיט די קרוין פון א פיינעפל פאר שיינקייט, מען דארף צו וויסן אז דאס איז א גרויסע מכשול, ווייל די ווערים קענען ארויף גיין אויף די געשניטענע פרוכט.

**באמערקונג**

די געקעגנטע פיינעפל וואס ווערן פארקויפט אין די געשעפטן, ווי רינגס - טשאנקס - קראשד, און עס האט א הכשר מעולה, האט נישט קיין חשש פון ווערים.

## קארן - קוקעריץ

**שאלה:** מעג מען עסן קארן אום באקוקט פון ווערים? און וויאזוי איז מען דאס בודק?

**תשובה:** אין קארן קען מען טרעפן פארשידענע ערליי ווערים (טריפס, עיפעדס, ספיידער מייטס), מען קען דאס טרעפן אויף די שאלאכטץ, און אויך צווישן די קערעלעך.

און אזוי ווי עס איז זייער שווער בודק צו זיין די ווערים בשעת די קערעלעך זענען אויפן שטאם, דעריבער זאל מען דאס נישט עסן בשעת עס איז אויפן שטאם.

די עצה איז, אז מען זאל אפשניידן די קערעלעך פונעם שטאם [אפילו נאכן קאכן], און מען זאל אפטיילן די קערעלעך איינע פון די אנדערע, נאכדעם זאל מען לייגן די קערעלעך אין א לאקשן זייער וואס די לעכער זענען גענוג גרויס אז די ווערים זאלן דורך גיין, אונטער א שטארקע שטרום וואסער, און גוט שאקלען די זייער בשעת די וואסער שטרוימט דערויף, אזוי ארום וועלן די ווערעם דורך גיין די לעכער פונעם זייער, און נאכדעם זאל מען אויסשפרייטן די קערעלעך אויף א טעלער א.ד.ג., און קוקן צי מען זעט נישט קיין ווערים.

**באמערקונג**

די קארן וואס געפונען זיך אין די קענס, קען מען עסן נאר ווען עס האט א השגחה מעולה (כשרות בולעטין התאחדות הרבנים).

## סטראבערים

**שאלה:** זענען סטראבערים מחויב בבדיקת תולעים?, און וויאזוי איז מען דאס בודק?

**תשובה:** אין די סטראבערים זעלבסט איז געווענדליך נישטא קיין ווערים, אויסער אויב ס'איז אביסל פארפוילט, אבער אויף די בלעטל און ארום די בלעטל וואס איז הענכער די סטראבערי, אזוי אויך אויף די




שאלאכטץ פונדרויסן איז איינגעזאפט ווערים, און דאס קומט נישט אראפ דורכן וואשן, און אזוי ווי עס איז זייער שווער בודק צו זיין צי עס איז ריין פון ווערים, דעריבער זענען דא וואס עסן בכלל נישט קיין סטראָבערי.

עס זענען דא וואס זענען מתיר דאס צו עסן אויף דעם וועג:

1. מען שניידט אראפ די בלעטל צוזאמען מיט א דינע שיכט פון די סטראבערי, אויף אן אופן אז עס זאל נישט ווערן אויף געדעקט די לאך פון די סטראבערי וואס איז ביים קאפ פון די סטראבערי, אזוי ארום אז די ווערים פון די בלעטל זאל נישט קענען אריין גיין אין דעם לאך.

2. מען באטראכט יעדע סטראבערי צי עס איז נישט אנגקלעבט דערויף עפעס א פרעמדע זאך, און צי עס איז נישט ערגעץ ווי אביסל פארפוילט אדער שטארק ווייך, און מען שניידט דאס אוועק, ווייל דאס קען זיין ווערים.

3. אויב עס האט א שפאלט אדער א לאך, דארף מען דאס עפענען און זען צי עס איז נישט דא דארט ווערים.

4. נאכדעם ווייקט מען עס אין כשר'ע זייף וואסער פאר 5 - 3 מינוט.

מען זאל לייגן גענוג זייף אז די וואסער זאל ווערן גליטשיג.

5. בשעת די סטראבעריס ווייקן זיך אין די זייף וואסער, רייבט מען אפ מיט די פינגער יעדע סטראבערי עקסטער, אזוי ארום וועלן אלע ווערים ווערן אראפקומען.

6. דערנאך נעמט מען יעדע סטראבערי און מען לייגט דאס אונטער א שטארקע שטרוים רינדעדיגע וואסער, און מ'רייבט עס מיט די פינגער.

עס זענען וואס זענען מער מחמיר און זיי שיילן אראפ די גאנצע אויבערשטע הויט פון די סטראבערי, און דערנאך שווענקט מען דאס אפ.

**באמערקונג**

אויב מען האט אראפגעשניטן צופיל פון די שפיץ פון די סטראבערי, אזוי ארום אז מען זעט די לאך פון אינמיטן די סטראבערי, זאל מען צוהאלבן די סטראבערי אין צווייען, און בודק זיין צי עס איז נישט אריינגעגאנגען אהין א ווארים.

## סטראבערי מיט א הכשר

עס זענען דא אין די געשעפטן סטראבעריס וואס האבן א הכשר, מען דארף אכטונג געבן אז עס זאל האבן א פארלעסליכע הכשר.

## המשך יבוא אי"ה

# על פי הגורל

גורלות במשנת רביה"ק זי"ע

## על פי הגורל תחלק הארץ.

רואים אנחנו בתורה הקדושה בירור והכרעת דברים מסופקים על ידי גורל ובכגון דא בחלוקת הארץ לידע איזה חלק ונחלה תהיה לאיזה שבט. ויש כמה "אופנים" בדרך הגורל, וננקוט חדא חדא ליקוטי בתר ליקוטי.

**שבעים זקנים:** איתא בגמרא (סנהדרין י"ז.) בשעה שאמר לו הקב"ה למשה אספה לי שבעים איש (70) מזקני ישראל, אמר משה כיצד אעשה, אברור ששה מכל שבט ושבט (6x12=72), נמצאו שנים יתירים. אברור חמשה חמשה מכל שבט ושבט (5x12=60) נמצאו עשרה חסרים. אברור ששה משבט זה וחמשה משבט זה הריני מטיל קנאה בין השבטים. מה עשה בירר ששה ששה "והביא שבעים ושנים פיתקין, על שבעים כתב זקן ושנים הניח חלק, בללן ונתנן בקלפי אמר להם בואו וטלו פיתקיכם", כל מי שעלה בידו זקן אמר כבר קידשך שמים, מי שעלה בידו חלק אמר המקום לא חפץ בך, אני מה אעשה לך. ועל ידי זה ידע מי יהיה מהשבעים זקנים. (וכן עשה גורל פדיון בכורים על דרך זה כדאיתא שם).

**חלוקת הארץ:** היה גם כן על פי הגורל, אבל גם ע"י רוח הקודש, וגם עם בת קול כדאיתא במדרש תנחומא (פר' פנחס): שמעשה נסים היה בגורל, אלעזר הכהן לובש אורים ותומים, וקלפי הגורלות לפני יהושע, ועד שלא יעלה הגורל אלעזר אומר ברוח הקדש, גורל שבט פלוני עולה שיטול במקום פלוני. ויהושע פושט ידו ועולה. וזו היתה יתירה, שהיה הגורל צווח בשעת עלייתו, אני גורל שבט פלוני עליתי לו במקום פלוני. ומנין שהגורל מדבר, שנאמר: "על פי הגורל". הרי לך שהיה רוח הקודש עם בת קול ביחד עם הגורל.

**חטא עכן:** לאחר כיבוש יריחו, הטיל יהושע בן נון חרם על עיר יריחו, והודיע לעם ישראל, כי כל שלל העיר יהיה לאוצר בית ה'. וכתיב (יהושע ז' א') וימעלו בני ישראל מעל בחרם ויקח עכן למטה יהודה מן החרם ויחר אף ה' בבני ישראל. וכשרצו ללחום בעיר עי הכו הגוים כשלשים וששה איש מבני ישראל. ויקרע יהושע בגדיו ויפל על פניו ארצה לפני ה'. והתפלל לה' לידע הסיבה שבשבילה לא נצח את העיר, ואמר לו הקב"ה ליהושע חטא ישראל! אמר לפניו: רבש"ע מי חטא? אמר ליה: וכי דילטור (רכיל) אני לך?! הפל גורלות! הלך והפיל גורלות, ועשה ד' גורלות, קודם הפיל גורל בין השבטים, ואחר כך בין המשפחות, ואחר כך בין בתי האב, ואחר כך בין אנשים, ונפל הגורל על עכן וכו' מיד ויען עכן את יהושע ויאמר אנכי חטאתי לה' וכו' וכזאת וכזאת עשיתי. (וכן המלכת שאול המלך היה ע"י ד' גורלות כזו).

**גורל המן:** כשרצה המן להשמיד ולהרוג את היהודים עשה פור הוא הגורל. ואיתא במלבי"ם דבר פלא האיך עשה הגורל, וזה לשונו הזהב: הגורל הזה היה רגיל לפני המן להגריל בו בכל עת, וע"י הגורל הזה הגריל מיום ליו. הנה הגורל היה ביום י"ג ניסן, ובודאי מחשבת המן היתה לנקום בעם ה' תיכף ומיד, והתחיל בגורלו מן ארבעה עשר בניסן שהוא יום המחרת ולא עלה בידו. ושוב הגריל על ט"ו וט"ז ניסן תמיד דחהו הגורל עד סוף ימי החודש. וכיון שהגיע לחודש הבא התחיל מיום א' של אייר ודחהו הגורל מיום ליום עד יום האחרון שהוא י"ג אייר, כי הגורל מוכרח ליפול על יום אחד מימים הנגרלים, והיה בהשגחת ה' שיפול על יום המאוחר, כדי שירויחו ישראל עוד זמן. ואח"כ חשב המן בלבו אולי החודש אינו מצליח והתחיל להגריל על החדשים והתחיל מניסן שעומד בו ולא עלה הגורל, וכן דחהו הגורל מחודש לחודש עד החודש האחרון שהוא אדר, ושוב לא הגריל על ימי החודש כי כבר בגורל הראשון יצא יום י"ג, ובא גורלו על י"ג אדר, [ואם היה מגריל על החדשים תחלה, וממילא היה נופל ג"כ על אדר שהוא חודש המאוחר ואח"כ היה מגריל על הימים היה בא הגורל על יום האחרון של חודש אדר, אבל יען כי הגריל על הימים תחלה, ולא היה במחשבתו להגריל על החדשים נפל על היום האחרון מיום י"ד שהתחיל בו שהוא יום י"ג הבא. ועז"א הפסוק מיום ליום ומחודש לחודש. תחלה דחהו הגורל מיום אל יום ואח"כ מחודש אל חודש, עכ"פ מן הגורל הזה כבר היה לו לראות שעצת ה' הופיע בגורל הזה להרויח זמן לתשועת ישראל, ועז"א הוא הגורל לפני המן, שהגורל הזה היה מוכן לפני המן למפלתו].

בבית המקדש עשו גם כן כמה גורלות מדי יום ביומו. וא' מהן כדאיתא במשנה (פ"ב יומא) מעשה שהיו שניהם רצין ועולין בכבש ודחף אחד את חבירו ונפל ונשברה רגלו, וכיון שראו בית דין שבאין לידי סכנה התקינו שלא יהו תורמין את המזבח אלא בפייס. ואופן הפייס איתא שם כזה: כיצד מפיסין? עומדין כל הכהנים בהיקף, ומסכימין על מניין שמונים מאה או אלף או כל מניין שיסכימו עליו, והממונה אומר להם הצביעו, והן מוציאין אצבעותיהן וכו', מתחיל הממונה למנות מן האיש הידוע שהסיר מצנפתו תחילה ומונה על אצבעותיהן וחוזר חלילה עד שישלים המניין שהסכימו עליו, והאיש ששלם המנין אצל אצבעו הוא יצא בפייס לעבודה.

**יום הכיפורים:** עשו גורל בין שני השעירים. ואופן הגורל היה כדאיתא ביומא (ל"ט.) שהיה טרף בקלפי והעלה שני גורלות, אחד כתוב עליו לשם, ואחד כתוב עליו לעזאזל. הסגן בימינו וראש בית אב משמאלו, אם של שם עלה בימינו הסגן אומר לו אישי כהן גדול הגבה ימינך, ואם של שם עלה בשמאלו ראש בית אב אומר לו אישי כ"ג הגבה שמאלך, נתנן על שני השעירים ואומר לה' חטאת. והיה שני דברים א) עשיית הגורל ב) אמירתו לה' חטאת וכו'.

**פסוק לי פסוקך:** בנס פורים כיון שהגיע מרדכי אצל התינוקות שאל לאחד מהם פסק לי פסוקך, אמר לו אל תירא מפחד פתאם וכו'. וכן פתח הילד השני והשלישי. כיון ששמע מרדכי כך שחק והיה שמח שמחה גדולה.

ר' יוחנן היה רוצה לעלות לבבל, כי אמר יש לי רבי בבבל (שמואל) ניזיל לראותו א"ל לינוקא פסוק לי פסוקיך אמר ליה "ושמואל מת" אמר ש"מ נח נפשיה דשמואל. ואמנם מסיים שם הגמרא: שלא שכיב שמואל אלא כי היכי דלא ליטרח. וכתב השלטי הגבורים (סנהדרין) שגורל כזה הוא כעין נבואה.

**בדיקה בספר:** כתב השבט מוסר (קונטרס כת"י): קבלתי מרבותי, כשהיו רוצים לעשות איזה דבר והיו מסופקים אם לעשותו או לא, היו נוטלים חומש או נ"ך והיו פותחים אותו ורואים בראש הדף מה פסוק היה מוצא, וכפי שרואה כן עשה.

**במשנת רביה"ק:** סיפר הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א, שפעם אחד כשהיה נבוך אודות ענין ניתוח לצורך רפואה איזה

דרך יבחור, נכנס לרביה"ק זי"ע לשאול מה לעשות, עמד רבינו ממקומו והלך והתחיל לומר במהירות רבה אוריא"ל אוריא"ל כמה פעמים, ואח"כ פתח חומש היכל הברכה והביט שם לכמה רגעים וענה לו מה לעשות. ויש הרבה עובדות כעין זו.

והגיד הרה"צ רבי חיים ברוך לייפער שליט"א, שפעם א' הרהיב עוז ושאל מרביה"ק זי"ע האופן הגורל מה הוא עושה. וענה לו רבינו שכשבא אצלו איזה שאלה, אז הוא אומר שבע פעמים בנשימה אחת את השם הקדוש של המלאך אוריא"ל, ואח"כ פותח חומש היכל הברכה (וכמה פעמים הספר הקדוש נועם אלימלך) ומביט שם כדי לידע את המעשה אשר יעשה.

ויש סמוכין לזה ממה שאיתא בשם עבודת ישראל (שפתי צדיקים - פנחס), על המשנה דע מה למעלה ממך עין רואה וכו', עין רואה, היינו בבית ראשון ראו באורים ותומים, ואזן שומעת, בבית שני שמענו בת קול, וכעת בגלות המר יכול הצדיק לראות הכל במה שכתוב בספר וזהו וכל מעשיך בספר נכתבים, וכמו שראו אצל הבשטה"ק זי"ע.

גורל הגר"א: בס' אין עוד מלבדו מובא האיך הגר"א היה עושה הגורל, דהיינו פותחים את הספר בצורה מקרית ומדלג שבע קבצים, ואח"כ שבעה דפים, ואח"כ שבע עמודים, ובעמוד השמיני מתחילת פסוק הראשון מונים שבע פסוקים, והפסוק השביעי' סופרים ז' שורות, ומהשורה הח' מונים ז' מילים, ואח"כ ז' תיבות ומהאות השמיני מתחיל התשובה על השאלה בעז"ה.

## הגורל בהלכה

איתא במחבר (יו"ד קע"ט ס"א), אין שואלין בחוזים בכוכבים ולא בגורלות, והרמ"א מבאר שם הטעם משום שנאמר תמים תהיה עם ה' אלהיך. וכ' בשדי חמד שכל זה הוא כדי לידע הקורות והעתידות לבוא - שדוקא על דברים שלהבא אין לבטוח בהן, אמנם כדי לברר איזה דבר לעשות אז מותרין הדברים.

*

**לעשות גורל לגוים:** שאלו להרמב"ם בדבר, מי שפותח בחומשים על דרך הגורל לגוים, האם זה מותר אם לאו, תשובה: מונעים אותו מלעשות כך לגוים, לפי שבזה חילול, אבל לא יוסר (ממינויו) ולא ייענש (תשובות הרמב"ם סי' קע"ב).

גורל בענייני המצוות כתב המגן אברהם (סי' קל"ב סק"ב), דאם שנים הם החייבים באמירת קדיש, - ובימיהם נהגו שרק אחד אומר, יטילו גורל ביניהם מי יזכה לומר קדיש.

**גורל בשבת:** כתב הרמ"א (סי' שכ"ב) בשם מהרי"ל, ואסור להטיל גורל בשבת אפילו על ידי אינו יהודי. וכ' על זה המשנ"ב, דאיירי מי יאמר קדיש או מי שיעלה לתורה שרי וכו'. ומשמע שאינו מותר רק להטיל גורל מתוך הספר כנהוג, אבל להטיל גורל ע"י פתקאות שנכתבו מע"ש שם כל א' עליו ומטילין בקלפי ומוציאין פתקא מי שיעלה לס"ת אסור. ואפילו אם הוא דבר מצוה ולא הוי מצי למעבד מאתמול ג"כ אסור בשבת.

**גורל בטעות:** בתשובות חוות יאיר איתא דבר פלא, והוא כי בחבורה לומדים אצלי ומקשיבים לקולי סעדו יחד י"ב ב"ב בטוב לבם ביין בימי פורים, והטילו גורל על כוס כסף גדול מזהב, ונתן כל אחד א' ר"ט (סכום מעות) וזה מעשה הגורל, "מביא' שתי קלפי או שני כלים ומטיים י"ב פתקים כתוב על כל אחד שם אחד מהם לקלפי אחת ומטילין לקלפי שניה ג"כ י"ב פתקים, על אחד מהם כתוב מז"ט וי"א ישארו חלקים, ותינוק או תינוקת לוקחת א' מכלי זה וא' מכלי זה, ועם מי שיצא מז"ט זכה בכוס.

והנה אירע בגורל הנ"ל שיצא מז"ט בהעלאה שניה והיה פלא בעיני הרואים שעלה פתק המז"ט מהר. וא' מהם בדק וראה כי היו רק י' פתקים חלקים והיה ראוי להיות י"א ועל שנים היה כתוב מז"ט, וביקש זה שזכה בו לומר אחר שאיך שנעשו שני טעותים אילו בזדון או בשגגה או דרך היתול ושחוק אין בו שום גרעון או יפוי כח לאחד יותר מלחבריו, ואם מזלו גרם לו ה"ה אם היה כנכון וראוי עמדה לו שעה.

ואמרתי בפשיטות שבטלה הגורל וכו' כי ראינו מן התורה מן הנביאים ומן הכתובים שסמכו על הגורל באשר נעשה בלי מחשבות אדם ופעולת אנוש מצד התחכמות, אך בגורל תחלק הארץ, וכן סמכו על הגורל במיתת עכן וכו' מפני שקרוב הדבר שאם הגורל כהוגן ידבק בו השגחה עליונה וכו', משא"כ אם הגורל מקולקל אין מקום לומר שמי שזכה מאת ה' היתה זאת, הן שהקלקול ע"י תחבולות אנוש או בשגגה עכ"פ הגורל מקולקל, ומצי כל חד למימר, אלו נעש' הגורל כהוגן היה קיימא לי שעתי ע"פ מזלי או ע"פ תפילתי שיתן לי הצלחה וכו' (וכ"פ המג"א סי' קלב).

**העובר על הגורל:** בתשובות הגאונים מובא, אין רשות לאדם מישראל לעבור על הגורל, שאין הגורל אלא מפי שמים שנאמר על פי הגורל, והעובר על הגורל כעובר על עשרת הדברות.

יש להאריך בענינים אלו רב מאד - והזמן יכלו והמה לא יכלו - ואי"ה עוד חזון בס"ד.




**יומא דהילולא קדישא**

- של מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י -

פק"ק קרית טאהש יע"א

- ז"ך אב תשפ"ה -

פועל'ט אויס אלעס גוטס

# גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה

## חשובע איינגערמאן פארדינגט אייער דירה!

ציעט זיך אריין צו אייערע עלטערן, העלפט א משפחה צו קענען ווייל'ן בצל הקודש אין די דערהויבענע זמן המסוגל,

**און פארדינט א שיינעם סכום אין די זייט!**

רופט שוין קול איחוד טאהש

**514.500.8674**

און לאזט איבער א מעסעדזש.

---

**טורם יקראו ואני אענה**

רופט אן אייערע קרובים און באקאנטע זיי איינצולאדענען צו א געשמאקע אכסניא!

**הונדערטער בעטן ווערן צוגעגרייט אין די בנייני המוסדות ספעציעל פאר מענער און בחורים**

צו רעזערווירן א בעט רופט ועד האש"ל:

**514.582.6380**

ווע"ד האש"ל

לכבוד אנ"ש הי
קרית

וועלכע האבן שוין
צו זיין די מכניסי א
וועלכע קומען זיך

הייות עס איז דא
פון משפחות

**"יומא דהי**

און די

**שבת אחר**

פון אומע

---

וועמדן מיר ז

**פתחו פתח**

---

**אריינ**
**גע**

**ווער עס**
**דירות אד**
רופ
קול
0.8674




קרים תושבי עיר החסד
טאהש תע״א

ן לאנגע יארן די הייליגע זכי׳
אורחים אריינצונעמן געסט
מסתופף זיין בצל הקודש.

גאר א גרייסע פארלאנג
וואס ווילן קומען צום

# לולא קדישא״

נאכפאלגענדע

# הילולא קדישא

טום און זוכן דירות,

---

יך צום ברייטן ציבור:

## ו ביתכם לרוחה

---

# צונעמן
# נסט

**קען פארדינגען**
**ער בעיסמענטס**

ט שוין אריין צו
׳ איחוד טאהש
514.50 עקס. 15#

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

**פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן**

פירש רש"י הק' לפי שהיו השבטים מבזין אותו וכו' בא הכתוב ויחסו אחר אהרן.

די צווי חברים הרה"ק מצאנז זי"ע מיט הרה"ק ר' שלום מקאמינקא זי"ע זענען צוזאמען געפארן קיין בעלזא אויף שבת פנחס צו די הייליגע שר שלום זי"ע, ווען זיי זענען אנגעקומען, האבן זיי געפרעגט דעם הייליג'ן שר שלום אז רש"י איז מסביר אז די תורה איז מייחס פינחס צו אהרן הכהן, וויבאלד די שבטים האבן אים מבזה געווען אז ער האט דאס געטון לשם עבירה וויל ער איז אן אייניקל פון יתרו, לכאורה איז שווער, די אידן האבן דאך געוואוסט אז ער איז א בן אחר בן פון אהרן הכהן, און פונדעסטוועגן האבן זיי אים נאכאלץ פארשעמט אז ער שטאמט אויך פון יתרו פון זיין מאמע'ס זייט, איז וואס טוט די תורה אויף מיט אים מייחס זיין אחר אהרן.

האט זיי די בעלזא רב געענטפערט מיט א מעשה וואס איז געווען ביי די רבי' פון לובלין זי"ע.

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א געוויסע דארף, און ער האט פארמאגט א קרעטשמע, און פון דעם האט ער ב"ה פארדינט שיין פרנסה, און ער האט געקענט שפייזן זיין משפחה מיט דעם, נישט ווייט פון דעם איד האט געוואוינט א גלח א שונא ישראל וואס האט נישט פארגינען אז פאר א איד גייט גוט און ער לעבט רואיג און צופרידן, האט די גלח געשיקט א גוי און אים געהייסן צו עפענען א קרעטשמע נעבן דעם איד.

ווען די איד האט געזען אז די גוי נעמט אים אוועק די פרנסה, און די קונים הייבן אן גיין צו דעם גוי, איז ער שנעל אריבערגעלאפן צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ, און געבעטן פאר א ישועה, האט אים דער הייליגער חוזה זי"ע אנגעוואונטשן אז דער גוי וועט האבן א מפלה, און די אלע קונים וועלן צוריק קומען צו דעם איד, און פארשטייט זיך אז ביז אפאר טעג איז דער גוי געשטארבן.

די גלח האט זיך נישט דערשראקן, און ער האט געשיקט א צווייטע גוי זאל פירן די קרעטשמע, און ווען די איד האט דאס געזען איז ער צוריק געלאפן צום הייליגן חוזה, און אים דערציילט וואס עס איז געשען, האט אים די חוזה געזאגט אז איך קען מתפלל זיין זאלסט האבן א ישועה, אבער נישט אויף די זעלבע וועג ווי אזוי די ישועה איז געקומען פאריגע מאל, און די חוזה האט פארציילט אז פאריגע מאל נאכדעם וואס די גוי איז געשטארבן, איז געקומען צו מיר א רוח מיט צוויי אויסגעלאשענע לעכט אין די האנט, ער האט מיך געפרעגט "פארוואס האסטו אויסגעלאשן די צוויי לעכט", ביז דא האט בעלזא רב פארציילט פאר די צוויי הייליגע צדיקים.

נאכ'ן אוועקגיין פונעם הייליג'ן שר שלום האבן זיך די צוויי צדיקים צוזאמען געזעצט צו פארשטיין וואס די תירוץ פון בעלזא רב איז געווען, און זיי זענען צוגעקומען אז די צוויי אויסגעלאשענע לעכט זענען געווען ערליכע נשמות וואס האבן געדארפט ארויסקומען פון די געשטארבענע גוי, און די חוזה האט זיי אפגעהאלטן פון קומען דורך הרג'ענען די גוי.

לויט דעם פארשטייט מען די רש"י, וויל די שבטים האבן פארשעמט פינחס אז די מעשה איז געקומען פון די מדות רעות פון זיין מאמע'ס זייט, קומט די תורה זאגן אז די מעשה איז געקומען פון די קנאות און מדות טובות פון זיין טאטע'ס זייט, און דאס אז ער איז אן אייניקל פון יתרו מיינט נישט אז ער האט מדות גרועות, נאר ער איז א ניצוץ טוב וואס איז געווען אין יתרו, אזוי ווי די צוויי לעכט.




ישיבה גדולה
תורת
משולם פייש
ד'טאהש
ניו יארק

מודעה רבה לאורייתא

# סדרי הישיבה

## לזמן החורף תשפ"ו הבעל"ט

### סדר אשמורת הבוקר
שיעור עיון
הרה"ג רבי מענדל וואלף
האלצער שליט"א, מנהל

### תפלת שחרית
ביחד עם
הרה"ג רבי יואל גאנדעל שליט"א, ר"מ
והמנהל שליט"א

### סדר לפנצ"ה
שיעור עיון
הרה"ג רבי יואל
גאנדעל שליט"א

### סדר צהרים
אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא
טושו"ע הל' שבת
הגאון רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ קהלתינו קרית יואל

### סדר אחצ"ה
שיעור פשוט גפ"ת
הרה"ג רבי יצחק אייזיק
סג"ל לאווי שליט"א
בן כ"ק רבינו שליט"א

### סדר הערב
שיעור בקיאות
הרה"ג רבי מענדל וואלף
האלצער שליט"א, מנהל

### סדר השבת
בראשות משפיעים
מומחים שליט"א

### משגיח ראשי
הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל
גאלדשטיין שליט"א

ביקרא דאורייתא
**הנהלת ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש ד'טאהש**
**ניו יארק**

# הרה"ק האור לשמים מאפטא זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג מטות-מסעי, כ"ה תמוז הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן אור לשמים פון אפטא, רבי מאיר בן רבי שמואל זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער אור לשמים איז געבוירן געווארן אין יאר תק"כ לפ"ק.

דער אור לשמים איז יונגערהייט ל"ע פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטע, און זיין מאמע הרבנית הצדיקת מרת מינדל ע"ה האט ארויסגעוויזן א גאר שטארקע חביבות צום אור לשמים, און פלעגט זיך שטענדיג בארימען מיט איר יונגן צדיק'ל.

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

אין די יונגערע יארן פלעגט דער אור לשמים זיין פון די תלמידים פון זיין גרויסן ברידער, הרה"ק רבי מרדכי מ'סטאשוב זי"ע, און ווען דער אור לשמים איז גרעסער געווארן, האט אים זיין מאמע געשיקט לערנען תורה ביים דעמאלטסדיגער חריף ובקי, ר' יצחק אברהם אבלי הכהן כ"ץ זצ"ל אבדק"ק סטאבניץ, ובעמח"ס כתר כהונה. דאס אוועקשיקן דעם אור לשמים צו לערנען תורה איז געווען א ריכטיגע באשלוס פון זיין מאמע, טראצדעם וואס ער איז

געווען גאר שטארק באליבט ביי זיין מאמע, אבער דערנאך איז דער אור לשמים אויסגעשעטיגט א ריז אינעם עולם התורה, באקאנט מיט זיין בקיאות אין ש"ס ופוסקים, און זיין גרויסקייט אין תורת הנגלה והנסתר.

חוץ פון זיין גרויסקייט אין תורה, האט זיך דער אור לשמים אנגעקניפט אין די תורת החסידות, ווי ער פלעגט ווילן בבית מדרשו פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, און פון דארט קונה זיין פון צווישן אלע צדיקים תלמידי הבעל שם טוב, תורה וחסידות, דער חוזה האט זיך אמאל אנגערופן צום אור לשמים: "איך געדענק דיך נאך פון בית המקדש ווען מיר זענען געשטאנען דערנעבן און גע'דוכנ'ט..."

דער אור לשמים האט געדינט ברבנות אינעם שטאט סטאבניץ און אינעם שטאט אפטא.

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ג תמוז | הרה"ק רבי משה בן רבי יעקב זי"ע - מ'קורדיבורו - תומר דבורה | ש"ל |
| כ"ה תמוז | הרה"ק רבי מאיר בן רבי שמואל הלוי זי"ע - מ'אפטא - אור לשמים | תקצ"א |
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי צבי אביגדור בן רבי אברהם אביש זצ"ל - ר' הערש נאפקער | תרס"ב |
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי אלעזר בן הרבי רבי אלימלך זי"ע - מ'ליזיענסק | תקס"ו |
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי משה בן רבי צבי זי"ע - מ'אוהעל - ישמח משה | תר"א |
| כ"ט תמוז | הרה"ק רבי שלמה בן רבי יצחק זי"ע - רש"י הקדוש | ד' תתס"ה |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ג תמוז | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' שמואל זאנוויל ע"ה פרושינובסקי | תשע"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד תמוז | הרה"צ רבי מרדכי צבי בן רבי יוסף מאיר זצ"ל כהנא בעל גדולת מרדכי | | |
| כ"ד תמוז | הילד דוד מרדכי בונם בן ר' ישראל עמרם ע"ה פראמאוויטש<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשמ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ה תמוז | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' יצחק הכהן ע"ה מאשקאוויטש<br>אשת הרה"ח ר' נחום ע"ה | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ה תמוז | הרב החסיד ר' דוד קלמן בן ר' משה יהודה ע"ה סייקס<br>מחשובי מתפללי ולומדי בית מדרשינו בק"י, לא הניח אחריו זש"ק | תשפ"א | ביה"ח דעיר מאנסי |
| כ"ח תמוז | הרב החסיד ר' יקותיאל יודא צבי ע"ה בן ר' מאיר שלום הי"ו קליין | | |

דער אור לשמים איז נסתלק געווארן אין טאג כ"ה תמוז תקפ"ט לפ"ק, מקום מנוחת כבודו איז אין שטאט אפטא.

זיינע הייליגע דברי תורה ומאמרים זענען געדריקט אינעם הייליגן ספר "אור לשמים".

## בשפתי צדיקים`

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט מעיד געווען אויפן הייליגער מאור ושמש און אויפן הייליגער "אור לשמים" אז זיי זענען געווען אזוי ווי אדם הראשון פארן חטא, און ווער עס האט נאר זיי אנגעקוקט האט געזעהן אז מען קען לעבן אן עסן און טרינקען, און זייער גאנצע חיות איז נאר געקומען פון די אור הקדושה.

## זיינע הייליגע מדריגות

רביה"ק זי"ע דערציילט (עבו"ע שיח"ק ח"ג קפ"ה) אז דער אור לשמים האט זוכה געווען צום זעלטענעם מדריגה, פון זיך צו קענען טובל'ן אינעם "נהר דינור".

נהר דינור איז א טייך פון די טרערן און קרעכצן פון די אידישע קינדער, און ווען די נשמות קומען אראפ פונעם אויבערשטן גן עדן צום אונטערשטן גן עדן, דארפן זיי זיך צום ערשט טובל'ן אינעם "נהר דינור".

דער אור לשמים האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ער האט באקומען רשות זיך צו טובל'ן אין אט דעם נהר דינור. בשעת דעם וואס דער אור לשמים האט דאס דערציילט פאר זיינע תלמידים, איז ער איינגעשלאפן פאר צוויי שעה, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט דער אור לשמים געזאגט, אז ער קומט יעצט פונעם נהר דינור, ווי ער האט זיך יעצט געענדיגט טובל'ן.

## זיין גרויסע הייליגע עבודה

אמאל ווען דער ברידער פונעם אור לשמים הרה"ק רבי מרדכי מ'סטאשוב זי"ע האט זיך געשטעלט דאווענען, האט ער מרגיש געווען ווי דער אור לשמים שוועבט אין די העכערע עולמות, האלטענדיג אינמיטן אן א עליית נשמה און ער גייט העכער און העכער אין די עולמות עליונים, און ער קומט דארט צו צו גאר העכערע ענינים, און ער איז זיך מוסר נפש און איז זיך מבטל פאר די אייבירשטענ'ס ווענן ממש ביז די כוחות אויף די וועלט לאזן זיך אים אויס, אזש ביז עס איז צוגעקומען אז נאך א עטליכע מינוט וואס דער אור לשמים בלייבט אין די העכערע דביקות, וואלט זיין נשמה ארויסגעפליגן פון אים, תיכף האט דער סטאשובער זי"ע פארענדיגט זיין דאווענען און איז געלאפן אין איילעניש צום אור לשמים, און אים אויפגעוועקט פון זיין דביקות, און אזוי אים געראטעוועט זיין נשמה זאל נישט ארויספליען בעפאר די צייט.

## די שבת ליכט דערציילן וואס עס וועט זיין

עס ווערט דערציילט אז די גרויסע מדריגות פונעם אור לשמים איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז די שבת ליכט האבן דערציילט פארן אור לשמים וואס עס וועט פאסירן. אבער דער אור לשמים האט מתפלל געווען צום באשעפער אז מען זאל אוועקנעמען פון אים אט דער מדריגה, און פון היימל האט מען דאס טאקע צוריקגענומען.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**






אריינצושיקן בריוון צום עדור מאנ"ש לאנ"ש

שיקט א בריוו
11 Van Buren Dr. Unit 305
Monroe, NY 10950

שיקט א פעקס
845.230.6884

לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד
718.451.8674 Ext. 841

# תורתי על תעזובי...

שטריכן איבער די פטירה פון הרה"ג ר' אברהם שלמה יאבוי ז"ל

א גוטן די חשובע קוראי הגליון חברים וידידים. דעם פארגאנגענעם מוצש"ק חוקת איז ליידער פריצייטיג נפטר געווארן דעם באקאנטן מגיד שיעור נפלא הרה"ג ר' אברהם שלמה יאבוי ז"ל אב"ד לעמבערג.

עס לאזט זיך זאגן אז ער איז געווען פון די גרעסטע אדער סאמע גרעסטע מגיד שיעור אין אידיש אויף ש"ס. איך בין געווען אין ביהמ"ד זונטאג נאך זיין פטירה האט א איד געזאגט אז ממש יעצט אויפן וועג צום ביהמ"ד האט ער אים אויסגעהערט, און ער האט אפי' דאן נאך אפי' נישט געוואוסט אז ער איז שוין אויפן האמת, און אז ער האט אלץ געטראכט אז ער מוז דעם איד אמאל טרעפן זיך צו באדאנקען פאר זיינע שיעורים וואס א דאנק אים ענדיגט ער און פארשטייט איין מס' נאכן צווייטן, למעשה האט עס נאך נישט פאסירט, און ער ווייסט ניטאמאל וויאזוי ער האט אויסגעקוקט...

עס איז אוממעגליך צו וויסן וויפיל תלמידים דער איד האט אין די גאנצע וועלט, וועלכע האבן אים צו פארדאנקען זייער גאנצע לערנען און פארשטיין א שטיקל גמ'. און אויך אויף קול איחוד טאהש איז דא זיינע שיעורים אויף די מסכתות וואס מען לערנט און חזר'ט אין ראם פון חבורת מזון הנפש.

נישט יעדער ווייסט אבער אז די גאנצע אבן הפינה פון זיין כח התורה איז גאר געווען אין טאהש! זיין גאנצע בקיאות אין ש"ס איז געקומען ווי ער האט דערציילט אליינס, בזכות דעם הייליגן רבי'ן זי"ע אין זיינע בחורישע יארן לערנענדיג אין טאהש.

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך געהאט אנגערופן הרה"ג ר' אברהם שלמה ער זאל דערציילן אביסל פון זיינע זמנים אין טאהש בצילא קדישא פון הייליגן רבי'ן זי"ע, און ער האט מסכים געווען און טאקע אוועקגעגעבן עטליכע מינוט צו פארציילן בקיצור נמרץ די גאנצע השתלשלות פון אים מיטן רבי'ן ביזן אנקומען צו זיין געוואלדיגע זיכו הרבים.

די שמועס איז דאן ערשינען דא אינעם גליון באור החיים אונטערן מדור "אבותינו ספרו לנו" לכבוד חג השבועות קבלת התורה תשע"ט, מיטן קעפל "רבי שלמדתי תורה!". און מיר וועלן עס יעצט דא נאכאמאל מעתיק זיין:

**איך בין אנגעקומען קיין טאהש זייענדיג א יונגע 14 יעריגע בחור'ל, איך בין נאך דאן געווען אביסל קינדיש און איך האב פשוט געוויינט פון בענקשאפט אהיים. הרב ר' חיים ברוך האט מיר דאן פראבירט מחזק צו זיין, און ער האט מיר געטראגן צום רבי'ן, דער רבי האט געגאסן פילע הויפענעס פון חיזוק און ליבשאפט. דער רבי האט געלייגט די האנט אויף מיין פלייצע, ער איז ארומגעגאנגען מיט מיר ווי א חבר די רינג פון ישיבה עטליכע מאל, מיט ליבליכקייט מיר געגלעט, און גערעדט מורא'דיג ווארימע ווערטער צו מיר. בתוך הדברים האט מיר דער רבי דאן געזאגט; "דו וועסט ענדיגן** (אדער "קענען") **גאנץ ש"ס".**

**ווען עס געקומען שבת ביי די מיטאג טיש, האב איך געגעסן די סעודה דארט ביים רבי'ן. דער רבי האט גענומען א באזונדערע גרויסע שטיקל פון די שיריים, מיר ספעציעל ארויסגעזוכט פון צווישן דעם עולם, און דאס מיר געגעבן.**

**אזוי האט מיר דער רבי ווייטער באגלייט מיט חיזוק והדרכה, וואס דאס אלעס האט מיר גאר שטארק מקרב געווען. קיינער האט מיר ביז דאן נישט אזוי געקענט טרייסטן און בארואיגן נאר דער רבי האט דאס געקענט באווייזן מיט זיין גרויס ליבשאפט און רחמנות.**

**פון דאן האב איך אנגעפאנגען צו בליען, זיך אריינווארפנדיג אינעם ים התלמוד מיט גרויס פלייס, און אינעם רבינ'ס זכות האב איך געקענט די ערשטע יאר מסיים זיין 400 בלאט גמרא, וואס איך האב געקענט בעל פה. איך האב ווייטער געשטיגן, געענדיגט און געקענט גאנץ ש"ס, און ב"ה היינט צו טאג'ס האב איך די זכיה צו זיין א מזכה את הרבים פארלענענדיג ווייטער שיעורים אין ש"ס פאר אנדערע. עס לאזט זיך זאגן אן קיין צווייפל אז די אבן הפינה פון דעם איז געווען אין טאהש. און דאס אלעס איז געווען בזכות דעם הייליגן רבי'ן זי"ע.**

**איך האב נישט געלערנט צו לאנג אין טאהש, אבער ווען איך דערמאן זיך מיין ערפארונג מיטן רבי'ן ווער איך ווער איך פיל מיט התרגשות פון יענע פאר זמנים,**

**אויפן שפיץ גאפל איז די אויסדרוק אויפן רבי'ן "כולו רחמים". דאס אלעס האט דער רבי געטוהן צו מיר נישט ווייל ער האט מיר אדער מיין משפחה געקענט פון פארדעם, נישט ווייל אונז האבן געהאט עפעס א טאהשע קשר, און אוודאי נישט ווייל ער האט באקומען געלט דערפאר. נאר פאר די איין איינציגסטע סיבה, ווייל איך בין א אידיש קינד, א אידישע נשמה. און האבנדיג א געוואלדיגע אהבת ישראל האט ער נישט געדארפט זוכן קיין תירוץ פארוואס זיך אוועקצוגעבן פאר מיר מיט א ליבשאפט ווי א טאטע צו זיין זוהן.**

**דעם רבינ'ס גאנצע הדרכה צו די בחורים איז צוגעגאנגען מיט א פאטערליכקייט, פאר זייער טובה האט דער רבי געקענט אמאל ארויסווייזן שטרענג'קייט אויך. לדוגמא, מען פלעגט געבן מזונות נאכן דאווענען, פאר ווער עס פלעגט דאווענען מיט'ן רבינ'ס מנין, האט זיך איינמאל געמאכט אז תיכף נאכן דאווענען נאך אנהאבנדיג די תפילין האט א בחור אריינגעכאפט אין מויל פון די טשאקאלאד דענישעס וואס עס איז געווען ארויסגעלייגט פאר די בחורים, דער רבי האט דאס באמערקט און צוגערופן דעם בחור, און געבנדיג אים אזא באליבט פעטש'ל אויפן פנים האט דער רבי אים שטרענג אנגעקוקט, און עס איז געווען גענוג, עס האט שוין געהאט די געוואונטשענע השפעה.**

**דער רבי פלעגט קענען אריינקומען אין בית המדרש צווישן די בחורים בשעת'ן עוסק זיין בסגיות הגמרא און אין סמנים פון שו"ע, און ארומשפאצירט צווישן די תלמידים הקרויים בנים, שעפנדיג הויפענעס נחת פון די קול תורה ווי די בחורים האבן אריינגעהארעוועט אין זייערע לימודים בעמל וביגיעה. ווען אינמיטן האט זיך דער רבי פון מאל צו מאל אפגעשטעלט ביי א חברותא, מיטארבעטנדיג און פרעגענדיג שאלות זעהן צו מען קען גוט די לימודים.**

**איינמאל האט זיך דער רבי אפגעשטעלט ביי מיר, בשעת איך האב געהאלטן אינמיטן לערנען מסכת ביצה, דער רבי האט מיר געפרעגט עטליכע שאלות זעהן צו איך האב טאקע ארויס די גמ' ווי עס דארף צו זיין, דער רבי האט מיר אויסגעבעסערט אויף איין זאך, און ער האט הנאה געהאט פון די בקיאות און גרינטליכקייט מיט וואס זיינע תלמידים זענען געבענטשט.**

**איבער'ן רבינ'ס עמוד התורה, איז פאסיג צוצוצייכענען וואס שטייט אין גמ' מסכת ברכות (פרק אין עומדין לב:), אויף דעם וואס די משנה זאגט אז חסידים הראשונים היה שוהין וכו', אז לכאורה וויאזוי האט זיך זייער תורה געקענט האלטן, ווען זיי האבן עוסק געווען בתפילה עטליכע שעה א טאג ביי אלע דריי תפילות באזונדער, נאר 'מתוך שחסידים הם תורתן משתמרת ומלאכתן מתברכת'.**

ביז אהער איז וואס איז שוין געווען געדרוקט פון יענעם שמועס. און ווי איך געדענק האט ער דעמאלטס אביסל מער מאריך געווען וואס אינעם גליון איז עס נישט געווען מער בקיצור צוליב וואס עס איז נישט ממש געווען נוגע צום ענין פון קבלת התורה וואס האט דירעקט א שייכות מיטן הייליגן רבי'ן.

ווי איך געדענק (בערך לפי זכרוני) האט ער מיר דאן פארציילט אביסל בכלל פון זיינע יונגע יארן שטאמענדיג פון א ספרדישע משפחה, און איבער זיין אנקומען קיין טאהש לערנען אין א פרעמדע ישיבה מיט פרעמדע בחורים, און אויב ביי אסאך געווענליכע בחורים איז שווער צו די טויש ווען מ'הייבט אן ישיבה בכלל, און אוודאי ווען מ'פארט אוועק לערנען אין דער פרעמד, איז ביי אים געווען פי כמה שווערער זיך איינצוגלידערן אלס יונגע בחור'ל אין א פרעמדע פלאץ.

ער האט אראפגעלייגט איבער זיינע שוועריגקייטן בעיקר אין פארשטיין די תוה"ק און קענען אפלערנען און פארשטיין בלעטער גמ', וויאזוי ער האט מקנא געווען אנדערע בחורים וואס ער האט געזעהן אז זיי קומען אן בלעטער און זיי פארשטייען, און ער איז געווען זייער צובראכן אז ער דארף זיך אזוי מוטשענען און נאך אלץ קומט ער צו גארנישט אן.

ער האט דערציילט איבער זיינע הייסע טרערן וואס ער האט פארגאסן אז "והאר עינינו בתורתך", און וויאזוי זיינע תפילות זענען נישט געווען חוזרת ריקם. וויאזוי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א אלס מגי"ש אין ישיבה האט אים פרובירט צו מחזק זיין און לערנען מיט אים, און אזוי ארום האט אים ר' חיים ברוך אריינגעברענגט צום הייליגן רבי'ן ער זאל אים מער מקרב זיין, וואס פעלט נישט אויס מאריך צו זיין וואזוי דער הייליגער רבי האט אים שטארק אריינגעבלאזן א לעבהאפט מיט שטארקע חיזוק ער זאל אנהאלטן צו לערנען און ער וועט זיכער שטייגן, ווי אינעם שמועס.

אגב, ר' אברהם שלמה איז געווען זייער בידידות מיט יבלחט"א הרה"ג ר' פייוול קליין שליט"א מתלמידי ישיבתינו הק', אויך א מגי"ש נפלא בכל מס' הש"ס און מ'קען טאקע אויך הערן זיינע שיעורים אויף קול איחוד במסגרת חבורת מזון הנפש. א תקופה האבן זיי געארבעט ביידע אינאיינעם דאכט זיך מיט תינוקות של בית רבן, און זיי האבן ממשיך געווען צו לערנען שפעטער אויך. די הספד פון ר' פייוול ביים לויה ווי איך האב געהערט איז טאקע געווען מיט בכיות וואס האט מיטגעשלעפט דעם גאנצן עולם אין א געוויין.

א שטיק צייט צוריק האב איך נאך געהאט אין פלאן צו מאכן א געהעריגע לענגערע ריקארדירטע שמועס מיט אים אויפן קול איחוד, לרגל דעם יומד"ק ז"ך מנחם אב פון מרן רביה"ק זי"ע, אבער חבל אז ס'איז לא אסתייע מילתא.

זאל עס זיין לעילוי נשמת הרה"ג ר' אברהם שלמה אליעזר ב"ר יוסף ז"ל תנצב"ה

אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש




אנשי שלומינו
מאכן די ריכטיגע
הכנה ליומא
דהילולא
קדישא

ערב ר"ח אב מוקדם
איז דאנערשטאג

אלול בא
אבינו במרומים

ר"ח מנחם אב יהי' אי"ה שבת קודש
פרשת מטות מסעי הבעל"ט

איבער
הונדערט
האבן
זיך שוין
איינגעשריבן

איר אויך?

די טייערע צאן קדשים פון ת"ת בית יודא ד'טאהש וועלן אי"ה פוקד זיין על ציונו של רביהקוה"ט מטאהש זצוקללה"ה יעדן ערב ראש חודש און אויסזאגן **אינאיינעם גאנץ ספר תהלים** און דערביי דערמאנען אייער נאמען און צינדען ספעציעל א ליכט פאר אייך

מאכט זיכער
אייער נאמען
זאל אויבעט
ווערן דערמאנט
דורך די ילדי
התלמוד תורה

די חשובע נדבנים וואס זענען זיך משתתף מיטן סכום
**$50** לחודש $600 לשנה
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, ליינען אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים רבינס ציון

די חשובע נדבנים וואס זענען זיך משתתף מיטן סכום
**$36** לחודש $432 לשנה
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, ליינען אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים רבינס ציון

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם הייליגן רבינ'ס ירושה

רופט יעצט אריין אין אפיס זיך איינצושרייבן
845.402.TOSH (8674)
tosh16bh@gmail.com


## קול איחוד טאהש

קול בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

| | | | |
|---|---|---|---|
| 079.704.0074 | 0.333.015.0715 | 514.500.8674 | 718.451.8674 |

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניג

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
42 פון די מעין מעניג


יד"ל ע"י
## איחוד תלמידי וחסידי טאהש

להערות והארות וכן לכבד גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

## מזון הנפש

## סדר הלימודים
במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת מטו"מ =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק פנחס | לד. | ל: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | לד: | לא. | פט. | פה: |
| מאנטאג | לה. | לא: | פט: | פו. |
| דינסטאג | לה: | לב. | צ. | פו: |
| מיטוואך | לו. | לב: | צ: | פז. |
| דאנערשטאג | לו: | לג. | צא. | פז: |
| עש"ק | לז. | לג: | חזרה | חזרה |

### בחינה הבאה ביום א' פרשת עקב
מס' עבו"ז: כד.-מא. | מס' בבא בתרא: פא.-צא: